בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

גליון מוגדל לרגל חג הפסח

צו-חג הפסח

יד-כא ניסן תשפ"ה

גליון מס': ק"ל

שנה ג'


די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:30 |
| מוצש"ק | 7:44 |
| ר"ת | 8:23 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:40 | סוז"ת א' | 10:00 |
| סוזק"ש ב' | 9:24 | סוז"ת ב' | 10:29 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

## טיב הפרשה

# ולקח הוא ושכינו הקרוב

## די כח הרבים וואס דערהאלט כלל ישראל אין די שווערסטע מצבים

כלל ישראל טרעט אריין די טעג אין דער הייליגער יום טוב פסח. אז מען הייבט אן צו רעדן איבער פסח און איבער די מצוות וואס זענען נוגע צו פסח קען מען רעדן זייער אסאך, אבער היינט וועלן מיר בעזר ה' אנרירן איין נקודה וואס איז אנדערש פסח ווי ביי אלע אנדערע ימים טובים.

דער שפיץ פון דער יום טוב פסח איז די קרבן פסח. אין די צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאנען איז יעדער איד ארויפגעגאנגען קיין ירושלים און דארטן מקריב געווען די קרבן פסח, אבער אין איין הינזיכט איז פסח אנדערש ווי אלע אנדערע ימים טובים און דאס איז אז מען עסט עס נישט אליין, מען עסט עס מיט די משפחה, און אויב די משפחה איז נישט גענוג וועט מען זיך צוזאמענשטעלן מיט א שכן אדער א קרוב, ווייל די קרבן פסח עסט מען נישט אליין.

אין פרשת בא [שמות יב. ג] ווען די תוה"ק געבט איבער די באפעל אויפ'ן קרבן פסח לייגט דער פסוק צו נאך א חלק צו דעם ציווי.

עס זאגט אן פאר'ן מענטש: ויקחו להם איש שה לבית אבות שה לבית - אז מען זאל נעמען א שה לבית אבות און עס עסן מיט די משפחה.

דאס איז די לכתחילה, אבער אויב מען קען נישט עסן מיט די משפחה זאגט די תוה"ק וואס מען האט צו טון, אז מען זאל אריינברענגען דעם שכן, און ווי עס איז דער לשון הפסוק: וְאִם יִמְעַט הַבַּיִת מִהְיוֹת מִשֶּׂה וְלָקַח הוּא וּשְׁכֵנוֹ הַקָּרֹב אֶל בֵּיתוֹ בְּמִכְסַת נְפָשֹׁת אִישׁ לְפִי אָכְלוֹ תָּכֹסּוּ עַל הַשֶּׂה.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די ציווי איז קענטליך אז דאס איז אנדערש ווי ביי אלע אנדערע מצוות אין די תורה. ווען די תוה"ק געבט די מצוה פון שאקלען לולב אדער לייגן תפילין, פאדערט זי אז מען זאל עס טון ברבים, מיט אנדערע, דאגעגן דא פאדערט די תוה"ק אז די מצוה זאל געטון ווערן ברבים - מיט א ציבור, מיט די משפחה און אויב די משפחה איז נישט גענוג גרויס - זאל מען עס טון מיט דעם שכן אדער מיט'ן נאנטן.

עס איז דא מערערע פשטים על פי פשטות פאר דעם ציווי, אבער בדרך אפשר קען אז די תוה"ק וויל אונז מרמז זיין א נקודה.

ווען כלל ישראל איז געווען אין מצרים איז כלל ישראל געווען בשפל המצב, די טומאות מצרים האט משפיע געווען אויפ'ן כלל ישראל און זיי זענען געווארן נאכגעשלעפט נאך די סביבה, אז מען האט זיי געדארפט ארויסשלעפן פון די טומאה און ארויפברענגען צו די קדושה.

די וועג ווי אזוי הקב"ה האט ארויסגעשלעפט כלל ישראל פון די טומאה איז געווען דורך אן אתערותא דלעילא. דער רבוש"ע

>>> | המשך אין עמוד ב'

## טיב המערכת

# די סגולה פון תּוֹרַת הַקָּרְבָּנוֹת

אינדערצייט וואס דער בית המקדש איז געשטאנען, איז יעדער איינער פון גאנץ כלל ישראל געווען ריין פון יעדער זינד, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש אז רבי יהודה בר סימון האט געזאגט, מֵעוֹלָם לֹא לָן אָדָם בִּירוּשָׁלַיִם וּבְיָדוֹ עָוֹן. כֵּיצַד, תָּמִיד שֶׁל שַׁחַר הָיָה מְכַפֵּר עַל עֲבֵירוֹת שֶׁנַּעֲשׂוּ בַּלַּיְלָה, וְתָמִיד שֶׁל בֵּין הָעַרְבַּיִם הָיָה מְכַפֵּר עַל עֲבֵירוֹת שֶׁנַּעֲשׂוּ בַּיּוֹם.

אט דער מאמר ערוועקט א געוואלדיגע בענקעניש צו די גאולה, ווייל יעדער איד וויל דאך זוכה זיין דערצו, צו זיין אזוי ווי א קליין קינד וועלכער איז ריין פון יעדן זינד, און אלע מְסָכִים און מחיצות וואס זענען דא ח"ו צווישן דער מעטש און הקב"ה, איז נאר צוליב די עבירות וואס דער מענטש האט געטון, און די אלע מחיצות וועלן דאך דעמאלטס בטל ווערן, אויב מיר וועלן זוכה זיין דערצו. אבער אונזערע הייליגע חכמינו ז"ל האבן אונז מגלה געווען אז אויך היינטיגע צייטן, טראצדעם וואס בעוונותינו איז דער בית המקדש נאכנישט געווארן אויפגעבויט, אבער פונדעסטוועגן קענען מיר זוכה זיין דערצו, און אין א געוויסער זין איז דאס אפילו גרינגער ווי בזמן הבית.

אויף דאס וואס עס שטייט אין פסוק אין אונזער פרשה, "זֹאת הַתּוֹרָה לָעֹלָה לַמִּנְחָה וְלַחַטָּאת וְלָאָשָׁם וגו'", זענען אונזערע הייליגע חז"ל מחולק אין די דרשה ווי פאלגנד: רֵישׁ לָקִישׁ אוֹמֵר, שֶׁכָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה, כְּאִלּוּ הִקְרִיב עוֹלָה, מִנְחָה, חַטָּאת וְאָשָׁם. האט אים רבא געפרעגט, אויב אזוי, פארוואס שטייט אין פסוק 'לָעֹלָה לַמִּנְחָה'? עס וואלט געדארפט שטיין 'עֹלָה וּמִנְחָה' (אָן קיין אות ל' אין אנהייב פון יעדע ווארט). אֶלָּא אָמַר רָבָא: כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה אֵינוֹ צָרִיךְ לֹא עוֹלָה וְלֹא חַטָּאת וְלֹא מִנְחָה וְלֹא אָשָׁם (און עס איז אזוי ווי עס וואלט געשטאנען אין די תורה: 'זֹאת הַתּוֹרָה – לֹא עוֹלָה לֹא מִנְחָה וכו'). האט רבי יצחק, דאס וואס עס שטייט אין פסוק: 'זֹאת תּוֹרַת הַחַטָּאת', 'וְזֹאת תּוֹרַת הָאָשָׁם' – כָּל הָעוֹסֵק בְּתוֹרַת חַטָּאת, כְּאִלּוּ הִקְרִיב חַטָּאת. וְכָל הָעוֹסֵק בְּתוֹרַת אָשָׁם, כְּאִלּוּ הִקְרִיב אָשָׁם.

דריי דרשות ווערן דא געברענגט: לויט ריש לקיש – כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה, און עס איז נישט קיין חילוק וועלכע זאכן פון די תורה ער האט געלערנט, איז עס כְּאִלּוּ הִקְרִיב כָּל הַקָּרְבָּנוֹת. לויט רבא – ווער עס איז עוסק בתורה דארף נישט האבן קיין שום קרבן! און לויט די ווערטער פון רבי יצחק – איז ביי יעדע תורה פון א קרבן וואס מען איז עוסק דערין, ווערט עס גערעכנט אזוי ווי מען האט מקריב געווען דעם דאזיגן קרבן. אינדערצייט וואס דער בית המקדש איז געשטאנען, איז אויב א מענטש האט געוואוסט אז ער איז געשטרויכלט געווארן אין א זינד האט ער געדארפט ברענגען א קרבן, און דאס איז האט געטראגן מיט זיך פארשידענע שוועריגקייטן, אבער היינטיגע צייטן, איז אפילו לויט די ווערטער פון רבי יצחק – וואס ער טוט די מערסטע באגרעניצן דעם סגולה – פונדעסטוועגן פעלט נישט אויס אז מען זאל זיך איינהאנדלען א בהמה פאר א קרבן, און אויך פעלט נישט אויס זיך צו מטריח זיין און אריבערקומען. מען דארף נאר עוסק זיין אינעם תורת הקרבן און מען וועט באוויליגט ווערן. (עפ"י טיב התורה – צו)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

האט ברוב רחמיו וחסדיו אריינגעשיקט אין די הערצער פון כלל ישראל א רוח דקדושה, און דאס האט זיי אויפגעהויבן און דערהויבן הויך מעלה מעלה ביז ווען זיי זענען אנגעקומען צו שפירן א נאנטקייט, א רוח קדושה.

אבער ווי מיר ווייסן איז די רוח הקדושה וואס איז אראפגעקומען פון אויבן נאר געווען לשעתו. דער רצון ה' איז אז אייביג זאל ערשט זיין אן אתעורדותא דלתתא און נאר ווען עס הייבט זיך אן פון אונטן דערוועקט זיך א התעוררות למעלה - ווייל הקב"ה וויל אז דער מענטש זאל האבן א בחירה און ווען עס איז דא אן אתערדותא דלעילא האט דער מענטש נישט קיין בחירה.

דער דערוועקן אין זיך אן אתערדותא דלתתא איז א שווערע זאך. עס מאכט זיך אז דער מענטש איז ביכולת צו דערוועקן ביי זיך אזא התעוררות אבער עס מאכט אסאך מאל ווען דאס הארץ איז אזוי פארשטאפט און דער מענטש האט נישט אליין די כוחות און די יכולת צו דערוועקן ביי זיך אזא כח אבער אויך אין אזעלכע מצבים איז דא אן עצה און די עצה איז צו זיין מיט אנדערע בחבורה, דער כח הרבים האט אין זיך די כח אז דער איד זאל זיך דערהאלטן קעגן די שוועריגקייטן און בלייבן ערליך - אויך אין א צייט ווען עס גייט אריבער אויף אים שווערע נסיונות און עס איז כמעט נישט מעגליך אז ער זאל זיך קענען דערהאלטן.

די תוה"ק האט וויסנדיג איבער די קריטישקייט פון דער כח הרבים מרמז געווען דערוועגן שוין אין די ערשטע מינוט. אין א צייט ווען עס איז אראפגעקומען אזא הארה פון אויבן האט די תוה"ק אנגעזאגט פאר'ן איד אז וויסן זאלסטו אז דאס וועט נישט זיין אייביג - אז עס וועט קומען א צייט ווען דאס וועט מער נישט זיין און אז דו ווילסט נאכאמאל זוכה זיין צו דעם הרגשה איז די עצה צו עסן פסח בחבורה - ווייל נאר דורך די כח הרבים קען מען זיך האלטן אינאיינעם און בלייבן ערליך און נתקרב ווערן צו הקב"ה.

די כח פון זיך האלטן בחבורה זעט מען סיי ביי קדושה און אויך להבדיל די טומאה האט געוואוסט פון דעם.

בשמו פון הרה"ק רבי דוד לעלובער זי"ע זאגט מען נאך, אז ער האט געטייטשט דער פסוק אין שמות [ה.ז] לא תאספון לתת תבן לעם - דארט האט פרעה אנגעזאגט אז מען זאל מער נישט צושטעלן שטרוי פאר'ן כלל ישראל, אבער דער לשון איז אביסל שווער ווייל עס וואלט געדארפט שטיין לא 'תוסיפון' פארוואס שטייט 'לא תאספון'.

דער צדיק האט געגעבן צו פארשטיין אז דא ליגט א רמז בנוגע די כח פון 'אסיפה' אז פרעה הרשע האט דאך געוואלט עוקר זיין כלל ישראל און איר אונטערברעגנען, און זעענדיג אז זייער כח באשטייט פון 'חבורות' און זיך צוזאמענעמען האט ער אנגעזאגט פאר'ן כלל ישראל אז מען זאל זיך נישט מתאסף זיין.

אין אלע דורות איז דער זיך צוזאמענהאלטן געווען די הויפט קראפט און כח ביים כלל ישראל, אבער ביתר שאת איז עס געזאגט געווארן אויפ'ן היינטיגן דור, בעקבתא דמשיחא, ווען די נסיונות מערן זיך און עס איז שווער פאר'ן מענטש זיך צו האלטן און צו באשטיין קעגן די נסיונות און אז נאר מיט'ן כח הרבים קען מען זיך האלטן.

עס איז ידוע דער ווארט פון דער הייליגער ריזשינער זי"ע אויפ'ן פסוק (בראשית מט, א) האספו והגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים.

דער ריזשינער האט געטייטשט 'האספו ואגידה לכם' אז אין די צייטן פון די עקבתא דמשיחא זאל מען זיך האלטן צוזאמען ווייל 'את אשר יקרא אתכם', די זאך פון זיך האלטן צוזאמען וועט זיין 'באחרית הימים', די בחינה פון 'יקרא' וואס מיינט 'יוקר', אז עס וועט זיין א טייערער זאך, און נאר מיט דעם וועט מען זיך קענען דערהאלטן אין אזא פינסטערע צייט.

א טייער ווארט זאגט מען נאך בשם הרה"ק רבי זושא מאניפאלי זי"ע. ער האט געטייטשט די משנה אין אבות [ג.ב] שנים שיושבין ואין ביניהם דברי תורה, אז ווען עס ווערט מקויים דער 'שנים שיושבין' אז צוויי אידן זיצן צוזאמען 'ואין ביניהם', און עס איז נישט דא צווישן זיי קיין קריגעריי און זיי האלטן זיך צוזאמען און זענען באחדות, איז דאס אליינס - דברי תורה - אין די בחינה פון דברי תורה ווייל די אחדות ברענגט א קיום צו די תורה, און ווי דער באקאנטער מאמר פון רבי עקיבא אז די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך' זה כלל גדול בתורה - ווייל דאס איז א כלל גדול בתורה.

אין אלע דורות איז דער ענין פון 'אהבת חברים' געווען א יסוד אין אידישקייט און בעיקר אין תורת החסידות.

ביי די לעכוויטשער חסידים דערציילט מען אז צווישן די חסידים פון דער לעכוויטשער האט זיך געציילט רבי מאיר. אמאל האט זיך געמאכט אז דער רבי מאיר איז געווען אונטערוועגנס און דער יצר הרע האט זיך שטארק מתגבר געווען אויף אים. אין זיין קאפ האבן זיך אנגעהויבן אריינצוכאפן שלעכטע מחשבות וועלכע האבן אים געפייניגט. ער האט נישט געזען קיין וועג ווי אזוי ער קען זיך מתגבר געווען אויף זיי.

מיט אלע זיינע כוחות האט ער זיך פרובירט אנצוהאלטן אין דעם רבי'ן און אויס מורא אז זיין רבי וועט מרגיש זיין אז ער איז א בעל עבירה האט ער זיך פרובירט צו שטארקן אין דעם הינזיכט, אבער עס האט אים נישט געהאלפן ווייל דער יצר הרע איז געווען אזוי שטארק אז ער איז געווען גרייט פארדעם אויפצוגעבן זיין נאנטקייט צו דעם רבי'ן.

אבער דאן האט ער זיך דערמאנט פון די דיבוק חברים און די געשמאקע פארברענגען מיט די חסידים, און וויסנדיג אז אויב ער וועט אויפהערן צוקומען וועט ער ארויספאלן פון די סביבה האט ער זיך געשטארקט אויף די נסיון און געהאט די כוחות עס בייצוקומען.

ווען ער איז אנגעקומען צום צדיק, האט אים דער לעכוויטשער באגריסט זאגנדיג אז דער כח פון די חברים איז גרעסער ווי דער צדיק ווייל אמאל קען די חבורה פועל'ן ביים מענטש מער ווי דער רבי.

אן ענליכע געשיכטע דערציילט מען ביים ריזשינער זי"ע. דער צדיק איז אמאל אריינגעקומען אין די חסיד'ישע קלויז און געטראפן ווי די חסידים זיצן און פארברענגען. דער ריזשינער האט זיך געוואנדן צו זיי פרעגנדיג ווער איז גרעסער דער רבי אדער די חסידים? איינער פון די בני החבורה וואס איז געזעסן דארט האט זיך געגעבן א רוף אן אז די חסידים זענען גרעסער.

הערנדיג דאס האט דער ריזשינער הנאה געהאט פון די תשובה, און דערציילט במה דברים אמורים אז א חסיד איז געווען אונטערוועגנס און געהאט א נסיון. טראכטנדיג אזוי איבער די נסיון און אז זיין רבי וועט מרגיש זיין אז ער האט געזינדיגט, האט ער זיך געטרייסט אז ער וועט זוכן אן אנדערע רבי וואס האט נישט קיין תפיסת מחשבה, אבער דאן האט ער געטראכט פון די חסידים און זיך מתגבר געווען אויף די נסיון.

אז מען רעדט שוין פון די כח וואס א חבורה האט, איז כדאי אויך צו דערמאנען די כח וואס עס האט אז דורך איר קען מען פועל'ן א ישועה איינער פאר די אנדערע.

מען דערציילט אז א חסיד איז אמאל געקומען צו פארן פאר ראש השנה צום הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע. ביים שלום נעמען פון דעם רבי'ן האט אים דער חוזה געזאגט אז ער זאל זאפארט אהיימפארן צו זיין שטוב. דער חסיד האט זיך דערשראקן, אבער אז דער רבי הייסט - פאלגט מען.

אויפ'ן ארט איז ער צוריקגעפארן צו זיך אין שטוב. אנקומענדיג אהין האט ער דערציילט פאר די חסידים אין שטיבל אז דער רבי האט אים פארשיקט. די חסידים זעענדיג זיין צוגעלייגטקייט האבן באשלאסן צו מאכן א לחיים.

מען האט געשטעלט משקה אויפ'ן טיש און אנגעווינטשן דער חסיד אז ער זאל זוכה זיין צו אריכות ימים ושנים.

דער חסיד האט זיך גלייך צוריקגעקערט קיין לובלין און יעצט האט אים דער רבי אויפגענומען בסבר פנים יפות. דערביי האט ער אים דערציילט אז עס האט געהאנגען אויף אים א גזירה רעה אז זיינע טעג זענען געציילטע און ער איז נישט געווען בכח עס מבטל צו זיין, אבער די חסידים מיט זייער ברכה האבן עס מבטל געווען ווייל די חסידים האבן א גרעסערע כח ווי דער רבי.

די חברה האט א גרויסער כח, און די בחינה איז די תורה מרמז ביים קרבן פסח און זאגט אָן אז מען זאל גיין ווייטער ווי משפחה און אויך צום שכן, און ווי דער לשון הפסוק איז 'ולקח הוא ושכינו הקרוב' ווייל אזוי וועט ווערן א קירוב לבבות און מען וועט זיך קענען האלטן צוזאמען ווייל דער כח פון א חבורה איז זייער גרויס.

עס איז פשוט אז עס דארף זיין א גוטע חבורה, און ווי חז"ל זאגן שוין [סנהדרין כ"ג] אז די נקיי הדעת שבירושלים זענען נישט אריין צו א סעודה איידער זיי האבן געוואוסט מיטוועמען זיי זיצן, ווייל געני ווי עס טוט אויף קען עס קאליע מאכן.

זאל הקב"ה העלפן אז בקרוב זאל מען זוכה זיין צו ביאת משיח צדקנו במהרה בימינו, און נאך די יאר זאל מען זוכה זיין צו עסן מהזבחים והפסחים מיט א גוטע חבורה און אונזער התעוררות דלתתא זאל מעורר זיין די התעוררות למעלה, און עס זאל נשפע ווערן אויף אונז א שפע רב וכל טוב סלה.

# א שנעלער איבערבליק אויף די הלכות פונעם הייליגן סדר נאכט

א. לענגאויס דער ליל הסדר איז דא צוויי מצוות וואס זענען מדאורייתא און צוויי מצוות וואס זענען מדרבנן. די מצוה פון אכילת מצה איז מדאורייתא און די סיפור יציאת מצרים - די מצוה פון מרור און ד׳ כוסות איז מדרבנן.

ב. אויסערדעם איז דא נאך א רייע פון מנהגים וואס מען האט אוועקגעשטעלט פאר די נאכט. איין מנהג איז ׳זכר לחירות׳ און דאס איז די עסן בהסיבה און אויך טרינקען די ד׳ כוסות. מען האט אויך געמאכט א זכר צו די קרבן פסח און די קרבן חגיגה מיט׳ן עסן צוויי געקעכטס אין די קערה און עסן צוויי כזיתים ביי אפיקומן.

ג. נאך א רייע פון מנהגים וואס מען פירט זיך ביי דער סדר איז צו דערוועקן וואונדער ביי די קינדער. וועגן דעם האט מען מתקן געווען אז מען זאל איינטינקען די כרפס אין זאלץ וואסער, די מרור אין די חרוסת און אז מען זאל ענדיגן גאנץ הלל.

ד. דער סדר טיש זאל זיין אנגעגרייט פון בייטאג אז מען זאל קענען אנהייבן גלייך די סדר און נישט דארפן ווארטן ביז ווען מען גרייט עס אן.

ה. מען פירט זיך צו גיין מיט א קיטעל ביים סדר נאכט.

ו. ווען מען קומט אהיים איז מען מסדר די קערה און מען לייגט אריין די מצות אין די קערה.

ז. נאר דער בעל הבית האט א קערה. אויך אויב עס איז דא קלענערע טישן איז איינגעפירט אז נאר דער בעל הבית האט א קערה.

ח. אויך פרויען זענען מחוייב מיט די מצוה פון ארבע כוסות און מיט אלע מצוות וואס איז דא יענע נאכט ווי מצה, מרור, ד׳ כוסות און די הגדה.

ט. מען פירט זיך אז מען טיילט ניסלעך און מאנדלעך פאר די קינדער אנהייב סדר נאכט. די טעם איז זיי צו דערוועקן אז זיי זאלן פרעגן וויל נארמאל נאך קידוש וואשט מען זיך צו א סעודה און דא אנשטאט זיך צו וואשן עסט מען ניס. דער לשון אין חז"ל כדי שיראו שינוי וישאלו. אנדערע טייטשן אז דער ׳שינוי׳ איז מלשון שינה אז זיי זאלן בלייבן אויף. מען דארף געדענקען אז עס איז נישט גענוג אז זיי פרעגן די קשיא׳ס און גיין שלאפן, נאר די עיקר איז אז זיי זאל הערן די תשובה אז הקב"ה האט זיי ארויסגענומען פון מצרים און די חלק האמונה.

י. עס איז בעסער אז מען רעדט נישט קיין דברים בטלים פון קידוש ביז נאך הלל. דער של"ה הק׳ זאגט אז עס איז בעסער אז מען זאל בכלל נישט רעדן די נאכט קיין שום שיחות חולין.

## קדש

יא. פאר קידוש רופט דער בעל הבית אויס ׳קדש׳, און אזוי פירט מען זיך ביי אנדערע סימנים פון דער סדר נאכט.

יב. איידער ער מאכט קידוש זאל ער אינזינען האבן מקיים צו זיין די מצות פון קידוש. ער זאל אויך אינזינען האבן יוצא צו זיין מיט איר די מצוה פון ד׳ כוסות. אסאך פירן זיך צו זאגן א לשם יחוד אבער די לשם יחוד זאגט מען פאר קידוש, נאך קידוש איז עס א הפסק צווישן די ברכה און די בורא פרי הגפן.

יג. דער בעל הבית זאל זיך נישט אנגיסן דער כוס - א צווייטער זאל אים אנגיסן וויל דאס איז דאך חירות.

יד. קינדער וואס זענען שוין אין די עלטער פון חינוך געבט מען אויך א כוס אבער זיי מוזן נישט אויסטרינקען רוב רביעית, עס איז גענוג אז זיי טרינקען כמלוא לוגמיו.

טו. די טרינקען דער כוס דארף זיין בהסיבה. אויב מען האט זיך נישט אנגעלאהנט איז א מחלוקת צי מען דארף איבערטרינקען די כוס. לויט דער מחבר דארף מען איבערטרינקען אבער לויט די רמ"א האט מען יוצא געווען בדיעבד.

טז. מען מעג נישט טרינקען צווישן די ערשטע כוס און די צווייטע כוס בהסיבה וויל עס איז א שאלה פון מוסיף על הכוסות.

יז. מען מאכט נישט קיין ברכה נאך די כוס.

## ורחץ

יח. מען וואשט זיך די הענט וויל מען גייט איינטינקען די ערשטע מאל - מען מאכט נישט קיין ברכה על נטילת ידים ביים זיך וואשן.

## כרפס

יט. נאכ׳ן זיך וואשן די הענט נעמט מען א שטיקל כרפס וואס איז ווייניגער ווי א כזית און מען טינקט עס איין אין זאלץ וואסער און מען מאכט אויף איר א בורא פרי האדמה. מען האט אינזינען צו פטר׳ן מיט דעם די מרור וואס ער וועט עסן שפעטער, און וועגן דעם מאכט מען נישט קיין ברכה נאך איר - עס זאל קענען פטר׳ן.

כ. די כרפס עסט מען נישט אנגעלאהנט.

## יחץ

כא. נאך כרפס נעמט מען די מיטלסטע מצה פון די קערה און מען צעטיילט עס אויף צוויי. איין האלב פון די מצה געבט מען איבער פאר איינער פון די מסובין ער זאל עס אוועקלייגן אויף אפיקומן. אנדערע פירן זיך אז זיי לייגן עס אונטער די אקסעל אלץ א זכר ליציאת מצרים. די צווייטע העלפט לייגט מען אריין צווישן די צוויי שלימות.

כב. עס איז איינגעפירט אז די קינדער כאפן אוועק די אפיקומן.

## מגיד

כג. מיר פסק׳נען אז מצוות צריכות כוונה, און וויל מען גייט יעצט מקיים זיין די מצוה פון סיפור יציאת מצרים זאל מען אינזינען האבן דערביי.

כד. מען דעקט אויף די מצה און מען הייבט אויף די קערה און מען זאגט ׳הא לחמא עניא׳ בקול רם, און מען שמועסט אויס וואס מען זאגט מיט א קלארקייט פאר די פרויען און פאר די קינדער אז זיי זאלן פארשטיין וואס מען זאגט.

## חג הפסח
### ט"ז ניסן

הזמנים לפי אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | -:- |
| מוצש"ק | 7:44 |
| ר"ת | 8:24 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:39 | סוז"ת א' | 9:59 |
| סוזק"ש ב' | 9:23 | סוז"ת ב' | 10:29 |

הזמנים לפי שעון קיץ

## שביעי של פסח
### כ"א ניסן

הזמנים לפי אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:35 |
| מוצש"ק | 7:49 |
| ר"ת | 8:28 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:34 | סוז"ת א' | 9:55 |
| סוזק"ש ב' | 9:19 | סוז"ת ב' | 10:25 |

הזמנים לפי שעון קיץ

כה. אײדער מען הייבט אן צו זאגן די הגדה גיסט מען אן די צווייטע כוס. מען דארף נישט אויסשווענקען די כוס ווייל מען האט שוין אויסגעשווענקט די כוס ביי קידוש. אויך דאס טוט מען אז עס זאל זיך דערוועקן ביי קינדער א מאדנעקייט אז מען גייט שוין בענטשן נאך אײדער מען האט עפעס געגעסן.

כו. די חוב די נאכט איז אז עס זאל זיין בדרך שאלה ותשובה, און וועגן דעם וועלן אפילו צוויי תלמידי חכמים פרעגן שאלות איינער פאר די אנדערע.

כז. אויב האט ער נישט קיין קינדער - זאל זיין פרוי פרעגן די שאלות - אויב זיין פרוי איז נישט דא זאל ער זיך אליין פרעגן ווייל עס דארף זיין בדרך שאלה ותשובה.

כח. די גאנצע צייט וואס ער זאגט די הגדה זאל די מצות זיין אויפגעדעקט נאר ווען ער כאפט אן די כוס זאל די מצה זיין פארדעקט.

כט. די הגדה זאגט מען נישט אנגעלאהנט - מען זאגט עס באימה וביראה.

ל. ווען ער זאגט 'מצה זו' זאל ער אויפהייבן די מצה און ווייזן וואס איז די 'לחם עוני' און אויך וועגן חיבוב המצוה. די זעלבע זאל ער אויך טון ווען עס קומט צו די זאגן 'מרור זו' אבער ווען ער קומט צו זאגן 'פסח זו' זאל ער נישט ווייזן אויף גארנישט אויך נישט אויף די זרוע ווייל עס איז ווי קדשים בחוץ. ווען ער זאגט 'לפיכך' זאל ער אויפהייבן די כוס ביז ער ענדיגט 'גאל ישראל'.

לא. מען פירט זיך אראפצוגיסן אביסל פון די כוס מיט'ן פינגער ווען ער קומט אן צו די ווערטער פון 'דם ואש ותמרות עשן', אויך ווען ער דערמאנט די 'מכות' און אויך ווען ער זאגט 'בדצ"ך עד"ש באח"ב - אלעס צוזאמען גיסט מען אראפ זעכצן מאל.

# רחצה. מוציא. מצה.

לב. פאר נטילת ידים זאגט מען אויך 'מוציא מצה' אז מען זאל נישט מפסיק זיין צווישן די נטילה און המוציא.

לג. מען וואשט זיך צו די סעודה. אויב מען ווייסט אז די הענט איז געבליבן ריין פון די ערשטע נטילה זאל ער זיך מטמא זיין אײדער ער וואשט זיך, אז ער זאל קענען מאכן די ברכה על 'נטילת ידים'.

לד. נאכ'ן וואשן זאל ער נעמען אלע דריי מצות ווי דער סדר איז אין די קערה, די אויבערשטע צוויי און די צובראכענע חלק אינמיטן און ער זאל אנכאפן אלע און מאכן די ברכה פון המוציא. נאך המוציא לייגט ער אראפ די דריטע מצה און מאכט א ברכה אויף די פרוסה מיט די אויבערשטע מצה. די ברכה מאכט ער אײדער ער צוברעכט די מצה, נאכ'ן מאכן די ברכה צוברעכט ער די אויבערשטע און עסט א כזית פון ביידע צוזאמען.

לה. מיר פסק'נען אז 'מצוות צריכות כוונה' - מען דארף אינזינען האבן אײדער מען עסט די מצה אז יעצט גייט מען מקיים זיין א מצות עשה מדאורייתא פון אכילת מצה.

לו. ביידע כזיתים עסט מען בהסיבה. נאר דער בעל הבית דארף עסן צוויי כזיתים. די איבריגע עסן נאר איין כזית אבער עס איז גוט אז דער בעל הבית זאל זיי געבן א שטיקל פון די פרוסה ווייל מען האט געמאכט די ברכה אויף ביידע. אויב מען האט פארגעסן און נישט געגעסן בהסיבה דארף מען איבערעסן די כזיתים.

# מרור

לז. מען נעמט א כזית מרור און מען טינקט עס איין אין חרוסת. מען פירט זיך אז מען טינקט איין די מרור אין חרוסת אבער מען זאל עס נישט לאזן צי לאנג אין איר - ווייל די חרוסת איז מבטל די טעם מרור און מען וויל נישט אינגאנצן מבטל זיין די טעם מרירות. מען מאכט א ברכה על אכילת מרור און מען האט אינזינען צו מקיים זיין די מצוה מדרבנן פון אכילת מרור - מען עסט עס נישט אנגעלאהנט.

# כורך

לח. ביי כורך נעמט מען די דריטע מצה און מען נעמט אראפ פון איר א כזית און מען בינדט עס צו מיט מרור. מען זאל מקפיד זיין אז עס זאל זיין א כזית מרור, א כזית מצה, מען זאגט זכר למקדש כהלל וכו' און מען עסט עס בהסיבה.

לט. פון ווען מען מאכט א ברכה על אכילת מצה זאל מען נישט אויסרעדן און אויך נישט מסיח דעת זיין ווייל מען וויל אז די ברכה זאל ארויפגיין אויך אויף די מצה וואס מען עסט ביי 'כורך'. אז מען האט אויסגערעדט בדיעבד דארף מען נישט איבערמאכן די ברכה אבער עס זאל בעסער אז מען זאל זיך היטן פון דעם.

# שולחן עורך

מ. לכתחילה זאל מען עסן די גאנצע סעודה בהסיבה. עס איז דא וואס זאגן אז ווייל היינטיגע צייטן עסט מען נישט בהסיבה איז דער עסן אזוי נישט געשמאק נאר א טירחה און וועגן דעם זאל מען בעסער נישט עסן די סעודה בהסיבה.

מא. ביי די סעודה זאל מען אכטונג געבן זיך נישט אנצועסן אז מען זאל קענען עסן די אפיקומן על השובע און נישט קיין אכילה גסה.

מב. ביי די סעודה פירט מען זיך צו עסן אייער א זכר צו די קרבן חגיגה און אויך א זכר צו די אבילות ווייל די זעלבע נאכט וואס עס געפאלט פסח - געפאלט אויך תשעה באב אין די זעלבע טאג פונעם וואָך, אבער מען זאל וויסן אז עס איז נאר א זכר און מען מוז נישט עסן קיין סאך פון דעם - דער עיקר איז צוגעדענקען אז די אפיקומן מעג מען נישט אכילה גסה. אויך פירט מען זיך צו לערנען ביי די סעודה די הלכות פון קרבן פסח.

מג. פסח ביינאכט עסט מען נישט קיין געבראטענע פלייש מען זאל זיך נישט טועה זיין מיט די קרבן פסח. מען איז מקפיד אויך נישט צו עסן האלב געבראטן ווי געבראטן אין א טאפ אן וואסער וואס מען רופט אן 'צלי קדר'.

### זמני ערב פסח תשפ"ה – ירושלים

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| סו"ז אכילת חמץ יום ששי 10:00 | סו"ז ביעור וביטול חמץ יום ששי 11:20 | חצות היום 12:40 | שעה עשירית 3:55 | סו"ז אכילת אפיקומן 12:40 |

# צפון

מד. ווען מען ענדיגט די סעודה פירט מען זיך צו עסן פון די 'מצה שמורה' וועלכע ליגט אוועקגעלייגט פאר צפון. די אפיקומן איז א זכר פאר'ן קרבן פסח וועלכע מען פלעגט אויך עסן על השובע. מען עסט עס אנגעלאהנט אבער מען מאכט נישט א ברכה אויף איר. מען זאל זיין געווארענט עס צו עסן פאר חצות הלילה, עס איז ראטזאם אז אויך הלל זאל מען לייענען פאר חצות.

מה. לכתחילה זאל מען עסן צוויי כזיתים - איין א זכר צו קרבן פסח די צווייטע קעגן די מצה וואס מען עסט מיט אים.

מו. אויב מען האט זיך נישט אנגעלאהנט זאל מען נישט עסן נאכאמאל אפיקומן.

מז. נאך די אפיקומן זאל מען גארנישט עסן אז די טעם פון די מצה זאל בלייבן.

מח. לענין צי מען מעג טרינקען איז א מחלוקת הפוסקים - מען איז מחמיר נישט צו טרינקען א משקה וואס קען מאכן שיכור - די איינציגסטע זאך וואס מען טרינקט יא איז וואסער.

## ברך

מט. מען גיסט אן די דריטע כוס און מען בענטש אויף איר ברכת המזון, נאכ'ן בענטשן מאכט מען אויף איר א בורא פרי הגפן און מען טרינקט איר בהסיבה.

נ. נאכ'ן בענטשן גיסט מען אן די פערטע כוס און אויך די כוס של אליהו און מען זאגט שפוך חמתך.

# הלל

נא. מען איז ממשיך דער סדר פון הלל - מען הייבט אן ביי די שטיקל פון 'לא לנו' און מען איז ממשיך לויט די סדר וואס איז דא אין די הגדה.

נב. עס איז א מצוה מהדר צו זיין אז דריי מענטשן צוזאמען זאלן זאגן די הגדה, אז איינער זאל זאגן הודו און צוויי אנדערע זאלן נאכזאגן. לכתחילה זאל עס זיין דריי גדולים וואס זענען שוין אנגעקומען לכלל גדול, אבער מען קען אויך מיט די קינדער פון שטוב אדער זיין פרוי, ער זאגט פאַר און אנדערע זאגן נאך.

נג. מען טרינקט די פערטע כוס בהסיבה און מען מאכט אויף איר א ברכה אחרונה.

נד. נאך די פיר כוסות טאר מען נישט טרינקען וויין נאר וואסער.

# נרצה

נה. מען איז ממשיך צו זאגן פיוטים אויפ'ן סדר - ווי עס איז געדרקט אין די הגדה'ס.

נו. עס איז דא וואס פירן זיך צו זאגן שיר השירים נאכ'ן סדר נאכט.

נז. מען איז מחויב עוסק צו זיין אין הלכות פסח און אין דערציילן יציאת מצרים אדער אנדערע ניסים וואס הקב"ה האט געמאכט מיט אונז, ביז ווען שלאפט איין פון מידקייט.

נח. מען פירט זיך אז מען לייגט נישט די געהעריגע קריאת שמע שעל המטה פסח ביינאכט ווייל עס איז ליל שימורים פון מזיקים. און אויך אנדערע זאכן וועלכע מען זאגט געווענליך פאר א שמירה זאגט מען נישט די נאכט, אבער די ברכה פון המפיל זאגט מען יא.

## טיב ההשגחה

### מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# די תפילה איז נתקבל געווארן אויפ'ן ארט

מיט א דאנק צו דער פון אויבן האב איך זוכה געווען צו א שטוב פון אייניקלעך.

זוכנדיג ווי אזוי זיי צו ערמוטיגן אז זיי זאלן שטייגן בתורה ובעבודה האב איך זיי צוגעזאגט אז ווער עס וועט זיך צופלייסן וועל איך נעמען אין די בין הזמנים טעג אויף א שפאציר.

ווילענדיג אז די שפאציר זאל זיין אויסגעהאלטן, האב איך זיי פארגעשלאגן צוגיין צו א געוויסער ציון פון א תנא.

מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג, עס איז געווען א שווערע וועג עס איז געווען מער ווי מיינע כוחות האבן געקענט דערהייבן.

מען האט דערגרייכט דעם ציל, אבער איך האב געשפירט ווי די כוחות לאזן זיך אויס.

טראכטנדיג אז מען דארף צוריקגיין די צוויי שעה'דיגע וועג איז מיר שלעכט געווארן. איך האב מתפלל געווען אז הקב"ה זאל מיר געבן די כוחות צו קענען צוריקגיין די וועג.

ביני לביני איז געקומען צופארן א דזשיפ, ער האט געוואלט וויסן ווער פירט אן די רייזע.

די אייניקלעך האבן געוויזן אויף מיר, ער האט מיר גערופן אין א זייט און גזאגט אז ער גייט מיר נעמען צו די שכינות'דיגע פאליציי סטאנציע. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס איז אומלעגאל צוגיין אויף די וועג ווייל עס איז דא א געוויסער בעל-חי וואס לויפט אוועק פון דא ווען מען גייט אויפ'ן וועג און די רעגירונג היט אים אפ.

ער האט מיר גענומען צו די סטאנציע. אונטערוועגנס האב איך אים געגעבן צו פארשטיין אז מיר האבן נישט געוואוסט און געבעטן ער זאל אונז אפשווינען.

ער האט זיך גערעכנט מיט מיר, אבער ביני לביני האט מיר הקב"ה מזמין געווען א וועג אויף צוריק.

מיין תפילה איז נתקבל געווארן - איך האב נישט געדארפט צוריקקלעטערן די גאנצע וועג אויף צוריק.

דערציילט דורך דער בעל המעשה:

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# שׁוֹאֲלִים וְדוֹרְשִׁים בְּהִלְכוֹת הַפֶּסַח

זאגט די הייליגע גמרא (פסחים ו.): "שׁוֹאֲלִין וְדוֹרְשִׁין בְּהִלְכוֹת הַפֶּסַח קֹדֶם הַפֶּסַח שְׁלֹשִׁים יוֹם", און דאס ווערט גע'פסק'נט להלכה אין **שולחן ערוך** אורח חיים אנהייב הלכות פסח (או"ח סי' תכ"ט ס"א).

איך געדענק ווי אין א געוויסע תקופה, ווען **אבי מורי הגה"צ זצ"ל** האט צוזאמגעשטעלט זיין גרויסן ספר **"מעדני השולחן"** אויף שולחן ערוך יורה דעה, און איידער דער יו"ט פסח האט ער עוסק געווען אין א געוויסע שווערע סוגיא טאג און נאכט ביז איבערן קאפ, אויף אזוי ווייט אז ער איז נישט געווען מסוגל צו עוסק זיין אין קיין שום אנדערע זאך, נאר מיטן קלארמאכן די שווערע און הארבע הלכות פון יורה דעה, מיט א בירור נאך בירור ביז צום הלכה למעשה כדרכו בקודש.

און צו אונזער גרויסער וואונדער, ווען דער יו"ט פסח האט זיך דערנענטערט, האט ער זיך געצוואונגען צו אפלאזן דעם סוגיא, און אפשטעלן די רציפות פון זיין קביעות'דיגע ארבעט און עסק אינעם חלק יורה דעה, און ער האט אנגעהויבן צו מקדיש זיין די צייט כדי צו לערנען די הלכות הפסח פון שולחן ערוך אורח חיים, אזוי ווי זיין הייליגער מנהג איז געווען איידער יעדן יום טוב, טראצדעם וואס דאס איז אים אנגעקומען זייער שווער. – און דאס האט ער געטון וויבאלד עס איז א הלכה מפורשת אז מען דארף עוסק זיין אין הלכות פסח, און די ווערטער פונעם שולחן ערוך איז געווען אין זיינע אויגן ממש ווי דער אוּרִים וְתוּמִּים!

[אזוי ווי דער **ביאור הלכה** אויפן פלאץ (ד"ה שואלין) ווייזט אויף מיט שטארקע ראיות, אז דאס איז א חיוב אויף יעדן איינציגן יחיד. און ווי עס ווערט קלאר געברענגט אינעם לשון פון דער **הלכות גדולות** (סימן יא הל' פסח פרק כ"ש עמו' קעג): "וּמְקַמֵּי פִּסְחָא בִּתְלָתִין יוֹמִין, מִיבָּעֵי לֵיהּ לְיִשְׂרָאֵל לְמִיגְמַר מִילֵּי דְּפִסְחָא, וְאַגְמוּרֵי אֱנָשֵׁי בֵּיתֵיהּ, דְּתַנְיָא שׁוֹאֲלִין בְּהִלְכוֹת הַפֶּסַח וכו'" עכ"ל. קוק דארט אריין, ווי ער איז מכריע אזוי הלכה למעשה, און איז דוחה דער דַּעַת הַחוֹלְקִים וועלכע האלטן אז עס איז נישט קיין חיוב אויף יעדן איינציגן יחיד ביים לערנען].

דער שולחן ערוך איז געווען זיין וועגווייזער, און ער האט זיך נישט אוועקגערוקט אפילו איין טריט, אן זיך צו עֵצָה'ן מיטן פסק הלכה ביי יעדער זאך, קליין אדער גרויס.

ווען **אאמו"ר זצ"ל הכ"מ** האט מיר דערציילט אין

# געשמאקע מַעֲדַנִּים צום סדר טיש, פון מורינו הגאון הצדיק רבי לוי ראבינאוויטש זצוק"ל

צום הייליגן יום טוב פסח הבא עלינו לטובה, האבן מיר צוזאמגעקליבן עטליכע געשמאקע ווערטער מִן הַגֹּרֶן וּמִן הַיֶּקֶב, מִתּוֹרַת הֶחָג פון דער טאטע פון **מורינו ורבינו יבחלט"א**, דאס איז דאך דער פראכט פון אונזער קהילה **הגה"צ רבי לוי הכהן ראבינאוויטש זצוק"ל**, א שריד לדור דעה און פון די נְקִיֵּי הַדַּעַת שֶׁבִּירוּשָׁלַיִם, בעל מחבר ספרי **"מעדני השולחן"**, זכותו תגן עלינו ועל כל ישראל.

דא האבן מיר צוזאמגעקליבן א קליין ביסל פון די זיסע געשמאקע שפייז פון זיין הייליג טיש, סיי פון די ענינים פונעם 'ליל הסדר' וואס קומט צו גיין, און סיי איבער די אנדערע ענינים פונעם יום טוב. – **צוזאמגעקליבן פון די ספרים און שיעורים פון מורינו ורבינו שליט"א**, וועלכער האט געברענגט און נאכגעזאגט פון זיין חשוב'ער טאטע זצ"ל, לויט וויפיל דאס איז מעגליך אריינצולייגן אינעם ראם פון אט דעם גליון.

נאמען פון זיין טאטע **הגה"צ רבי גמליאל הכהן זצוק"ל**, וועלכער האט שטענדיג געזאגט, אז אין יעדן ענין אין אלע אנגעלעגנהייטן פונעם לעבן, איז ריכטיג אז מען זאל זיך דורכרעדן מיט א מורה הוראה, און מען זאל נישט טון קיין שום זאך אליין, אפילו אין אזעלכע זאכן וואס האבן נישט קיין דירעקטע פארבינדונג צו א נושא אין הלכה, וְשִׂפְתֵי פִּי חָכָם חֵן.

עס איז באוואוסט די ווערטער פון דער הייליגער **חזון איש** (קובץ אגרות ח"א, קנג) וועלכער שרייבט בְּמֶתֶק לְשׁוֹנוֹ: "רַבּוֹתַי לִמְּדוּנִי כִּי בְּכָל תְּנוּעָה צָרִיךְ לְהִתְיָעֵץ עִם חֶלְקֵי הַשֻּׁלְחָן עָרוּךְ, וְאֵין אֲנִי בֶּן חוֹרִין לַעֲשׂוֹת דָּבָר מִבְּלִי עִיּוּן בַּהֲלָכָה מִן הַהֲלָכוֹת הַנּוֹגְעוֹת לִתְנוּעוֹת הַנִּדּוֹן, וְאֵין לִי בְּעוֹלָמִי אֶלָּא זֹאת".

צוליב אן אומבאקאנטע סיבה, איז אט די הלכה פון לערנען די הלכות פון יעדן יו"ט – נישט גענוג איינגעווארצלט ביי אונז, און אפילו ביי בני תורה איז דאס נאכגעלאזט, ווייל מערסטנס איז מען זיך קובע צו לערנען א געוויסן ענין, און דעריבער איז מען נישט עוסק אין די אנדערע ענינים פון די תורה. – פונדעסטוועגן, אין אט די טעג הייסט אונז דאך די הייליגע תורה, אז וויבאלד עס דערנענטערט זיך דער יו"ט פסח זאל מען לערנען און עוסק זיין אין די הלכות החג.

[אזוי פירן מיר זיך אויך אין אונזער גליון, הויפטזעכליך אינעם לשון הקודש גליון, אינעם מדור **"טיב ההלכה"**, אלעמאל עוסק צו זיין אין די הלכות פונעם יו"ט, אזוי ווי עס איז מסודר אינעם טעגליכן סדר הלימוד אינעם ספר **קיצור שולחן ערוך**, לויטן תקנת הקהילה].

->•<-

# די ארבעט אין צוגרייטונג צום יו"ט פסח

אין די צוגרייטונגען צום הייליגן יו"ט פסח, האט אבי מורי זצ"ל הכ"מ געהאט זיינע קביעות'דיגע ארבעט וואס ער האט אליין געטון, אבער מער דערפון האט אמי מורתי ע"ה [הרבנית מרת מיכלא איטא ע"ה בת רבי יחיאל מאיר זצ"ל. – יארצייט געפאלט קומענדיגן מיטוואך, י"א ניסן (תשנ"ז)] אים נישט געלאזט העלפן מיט אלע פילע הכנות צום גרויסן יו"ט, טראצדעם וואס דאס איז איר זייער שווער אנגעקומען, און דאס אלעס כדי אים נישט צו שטערן פון זיין לערנען.

אום ערב פסח פלעג מיין מאמע ע"ה זאגן צו די קינדער מיט א שמייכל, אז וויבאלד מיר זענען כהנים דארפן מי רזיך צוגעוואוינען זיך אן עצה צו געבן אין אט דעם געהויבענעם טאג אן דעם הילף פונעם טאטן, וויבאלד אינגיכן וועט געבויט ווערן דער בית המקדש, און דעמאלטס וועט דער טאטע דארפן ארבעטן אין דעם טאג אינעם בית המקדש, וויבאלד עס איז דאך דא זייער אסאך הייליגע ארבעט מיטן מקריב זיין די קרבנות הפסח וכו', און דער טאטע איז דאך געווען א 'כהן מיוחס' ווי באקאנט, דעריבער ווילן מיר זיך דארפן צוגעוואוינען שוין פון יעצט צו קענען אלעס אליין טון... [אזוי ווי מיר געפינען תקנות וואס די הייליגע חז"ל האבן מתקן געווען, און מען פירט זיך אזוי אויך אין גלות, כדי מען זאל זיין צוגעוואוינט ביים זמן הבית, אלץ 'מהרה יבנה המקדש' וכו'].

->•<-

# איינווארצלען די אמונה אין אידישע הערצער אינעם 'חג האמונה'

אין די טעג פונעם הייליגן יו"ט פסח, האבן מיר

קלאר געשפירט ביי אונזערע עלטערן די צדיקים ע"ה ווי מען האפט צו די גאולה, און זיי האבן איינגעווארצלט אין אונזערע הערצער די אמונה אין ביאת משיח צדקנו, ואף על פי שיתמהמה עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא.

איין יאר אום ערב פסח, ווען מען האט צוגעגרייט דאס הויז צום הייליגן יו"ט פסח, און מען האט זיך שוין געגומען גרייטן דעם גרויסן סדר טיש, האט זיך איינע פון די טעכטער אפגערעדט אז דאס הויז [אינעם אלטן שטעטל פון 'בתי נייטין', נייטין'ס הייזער] איז צו קליין, און עס איז צו ענג צו ענטהאלטן אלע געסט וואס זענען געלאדנט צום סדר נאכט...

האט זיך מיין מאמע ע"ה געווענדן צו איר מיט איר געוואלדיגע פיקחות, און געזאגט צו איר: דו וועסט נאך זען, אז ווי קליין אונזער הויז איז, איז ווען משיח וועט קומען, וועלן מיר דא דארפן ארייַנשטופן צוויי קאכן, מיט צוויי פרידזשידערס (ריפרידזשערעיטער/מקרר)... און אלץ באוויז צו אירע ווערטער, האט זי געמאכט דעם פאלגנדן חשבון: דער טאטע איז דאך א 'כהן מיוחס', און ער וועט דאך שטענדיג עסן תרומה און קדשים, ווי די הלכה איז אז די קרבנות וואס זענען 'קדשים קלים' ווערן געגעסן אין די גאנצע שטאט. אבער איך, טעכטער וועלכע זענען חתונה געהאט צו ישראלים, וועט זיין אסור פאר אייך צו עסן קדשים... וועט דאך אויסקומען אז מיר וועלן דארפן האבן צוויי קאכן, איינס פאר קדשים און איינס פאר חולין... וועט איר נאך זען אז אונזער הויז איז גרויס און ברייט!

און שטייענדיג יעצט אינעם יו"ט פון אמונה, וויל איך דא באצייכענען אז די פשוט'ע און תמימות'דיגע אמונה איז געווען דער הויפט אָדער פון לעבן אינעם הויז פון אבי מורי זצ"ל, צו יעדער צייט און ביי יעדער זאך, איבערהויפט אין צייטן פון ימים טובים. צוויי יאר איידער די פטירה פון אמי מורתי ע"ה זענען מיינע עלטערן געקומען צו מיין הויז פארן סדר נאכט, און לכבודו פון מיין טאטן, האט מען מסדר געווען א ספעציעלן מנין פאר תפילת מעריב אין הויז.

נאכן דאווענען האט מען געזינגען 'אדון עולם' מיטן הארציגן ניגון וואס איז אנגענומען אין אסאך אידישע קהילות. נאכן דאווענען איז די מאמע ע"ה צוגעגאנגען צו אונז, און געזאגט אז דער ניגון פון 'אדון עולם' וואס מען האט נארוואס געזינגען, האט איר זייער באנומען, וויבאלד דאס איז דער 'געזאנג פון אמונה', און האט אויסגעדרוקט איר ווונטש אז מען זאל איר באגלייטן נאך איר פטירה מיטן זעלבן ניגון. אויפצומארגנס האט זי נאכאמאל איבערגע'חזר'ט דעם זעלבן בקשה, אז מען זאל איר באגלייטן פון דער וועלט מיטן אמונה-געזאנג פון 'אדון עולם'. און ווירקליך אינדערצייט פון די לוויה האט מיין טאטע זצ"ל באפוילן אז מען זאל מקיים זיין איר רצון, און מען האט געזינגען דעם פיוט 'אדון עולם', און עס איז געווען א גאר געוואלדיגע התעוררות.

->•<-

## צוגרייטן דעם נפש 'להראות עצמו' ווי מען גרייט 'יעצט' ארויס פונעם שעבוד מצרים

איך האב געהערט פון אבי מורי הגה"צ זצ"ל, ווי ער פלעגט אסאך מאל מעורר זיין אין די טעג פאר פסח, איבער דאס וואס ער האט מקבל געווען פון זיין רבי, הרה"צ רבי צבי הירש קאפשיץ זצ"ל, מזקני נקיי הדעת שבירושלים אינעם פריערדיגן דור [דער טאטע פון הרבנים הגאונים לבית משפחת קאפשיץ], וואס מיין טאטע זצ"ל איז געווען זיין תלמיד ווען ער האט געלערנט מיט זיינע תלמידים אינעם בית היתומים "דיסקין".

איז געווען מרגלא בפומיה דערמאנענדיג זיינע תלמידים בשם צדיקים, אז דער עיקר עבודה פונעם מענטש אינעם הייליגן סדר נאכט, און דער שווערסטער טייל פון אלע פילע מצוות וואס זענען דא אינעם הייליגן נאכט, איז צו מקיים זיין דער דין פון די הייליגע משנה (פסחים קטז:): "חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים". און אזוי ווי דער הייליגער רמב"ם ז"ל שרייבט (הל' חמץ ומצה פרק ז' הלכה ו'): "להראות את עצמו כאילו הוא בעצמו יצא 'עתה' משעבוד מצרים", זע דארט אין די מפרשי הרמב"ם.

אט דאס איז טאקע אן עבודה קשה שבמקדש, צו ארייַנווארצלען אין אונזער הערצער אז מיר זאלן אליין פילן און זיך זען אזוי ווי מען גייט ממש יעצט ארויס פון שעבוד מצרים!

האט אים מיין טאטע געפרעגט: און וואס איז טאקע די פאסיגסטע עצה דערצו? וויאזוי קען מען מקיים זיין אט די הלכה למעשה אזוי ווי עס דארף צו זיין?

האט אים רבי הערש געענטפערט: דערויף דארף מען ארבעטן און הארעווען מיט א הכנה דרבה פאר יו"ט, וויניגסטנס צוויי וואכן פאר פסח, און זיך מדבק זיין בלב ונפש אינעם פנימיות פונעם הייליגן יו"ט און די השפעה דערפון אויף אונז. – אבער אויב פאלט מען ארייַן פלוצלונג אינעם יו"ט, אן זיך צו גרייטן דערצו אויף א פנימיות'דיגן אופן, און אן צו ארייַנטראכטן און זיך מקשר זיין אינעם אינהאלט און באדייט פונעם הייליגן יו"ט, קומט מען נישט אן צו קיין שום השגה!

->•<-

## דער לויב צו הקב"ה אויף אלע פיר סארטן בנים

ברוך המקום ברוך הוא כו' כנגד ארבעה בנים דברה תורה וכו' (הגדה של פסח). אייגנטליך דארף מען פארשטיין, וואספארא ברכה און לויב טוען מיר דא אויסדרוקן, איידער מיר רעכענען אויס די פיר ערליי קינדער אין די תורה. גאנץ גוט קענען מיר דאס פארשטיין ווען עס רעדט זיך פונעם 'חכם', ווייל ווער עס האט זוכה געווען צו אזא זון, טוט אוודאי לויבן און דאנקען. וואס איז אבער מיט די אנדערע דריי זין, און כל שכן אויפן 'רשע', וואספארא ארט איז דא ביי אים צום דאנק וואס מיר געבן דא פארן אויבערשטן.

מען קען דאס אבער ערקלערן, לויט דאס וואס איך האב געהערט און מקבל געווען פון מיין חשוב'ער טאטע זצ"ל הכ"מ, וואס ער האט נאכגעזאגט אין נאמען פונעם הייליגן חפץ חיים זצוק"ל, אז דער חובת חינוך פונעם טאטן צו זיינע קינדער, האט גארנישט קיין שייכות מיטן מהות פונעם קינד, נאר יעדער טאטע פון זיין זייט איז מחויב צו טון די מצוה פון חינוך פאר יעדן קינד לויט דער שטייגער און לויטן נפש פונעם קינד. אויב האט ער טאטע געטון פון זיין זייט דאס וואס עס ליגט אויף אים צו טון פאר זיין קינד, און האט ארייַנגעלייגט געוואלדיגע אנשטרענגונג לויט זיינע כוחות, און דערנאך איז חלילה דער זון געגאנגען מיט זיין אייגענע בחירה און האט אויסגעוועלט אין א קרומע וועג, און האט זיך קאליע געמאכט לדעת דורך זיין שלעכטע בחירה, האט דאס נישט קיין שום פארבינדונג מיטן טאטן, וועלכער וועט באקומען זיין פולן שכר, וויבאלד ער האט געטון זיין חיוב אזוי ווי עס דארף צו זיין.

און דאס זעלבע איז אויך פארקערט, אז אויב האט דער טאטע פון זיין זייט נישט געטון דאס וואס ער דארף טון פארן חינוך פון זיין זון, נאר ער האט זיך ארויסגעדרייט דערפון, און האט אים געלאזט וואקסן לויט זיין ווּאונטש. און דא איז דער זון געגאנגען מצד זיין אייגענע בחירה און האט אויסגעוועלט דעם גוטן וועג, און איז געשטיגן און געווארן גאר דערהויבן און שטארק אין תורה ומצוות, טוט דאס אלעס נישט פטר'ן דעם טאטן פון זיין שטראף, וויבאלד דער טאטע האט פארלאזט זיין מצוה, און האט נישט געהעריג מחנך געווען זיין זון.

פון דעם אלעם לערנען מיר ארויס, אז די תוצאה פון וויאזוי די קינדער וואקסן אויס, האט נישט קיין פארבינדונג צו די מצוה פונעם טאטן, ווייל

| המשך אין עמוד ח' |>

מצד דעם טאטן זענען אלע פיר סארטן קינדער גלייך, און זיין מויל דארף פול ווערן מיט לויב און דאנקען פארן אויבערשטן פארן זכות וואס ער האט אים מזכה געווען מיט קינדער. און דאס וואס וועט ארויסקומען פון אט די קינדער, האט נישט אלעמאל צו טון מיטן טאטן. אזוי ווי די גמרא זאגט אונז קלאר וועגן חזקיהו המלך (ברכות י.), אז ער איז אריינגעאנגען אינעם חשבון של מעלה וועגן די נישט וואוילע קינדער וואס זענען ארויסגעקומען פון אים, און דער נביא האט אים גע'מוסר'ט דערוועגן, זאגנדיג: "בהדי כבשי דרחמנא למה לך, מאי דמפקדת איבעי לך למעבד, ומה דניחא קמיה קודשא בריך הוא לעביד", וואס האסטו דען מיט די באהאלטענע זאכן פונעם אויבערשטן, דו דארפסט טון דאס וואס דו ביסט באפוילן געווארן, און דער אויבערשטער וועט טון דאס וואס אים געפעלט, זע דארט אין די גמרא.

[ווי פארשטענדליך, איז דאס נאר געזאגט געווארן נאכדעם וואס דער טאטע האט געטון אלעס וואס ער דארף טון מיטן בחינוך הבנים במסירות נפש, אריינלייגן דערין זיין גאנצן כח און בלוט ביזן לעצטן טראפ, מיט ליבשאפט און איבערגעגעבנקייט אן קיין גרעניץ, ומי יאמר זכיתי לבי...]

דעריבער, איידער דער בעל ההגדה הייבט אן אויסרעכענען די פיר קינדער, און דער סדר וויאזוי זיי צו מחנך זיין און ענטפערן פאר יעדן איינעם לויט זיין אייגענעם שטייגער, הייבט מען אן מיט א ספעציעלן דאנק צום אויבערשטן, זאגנדיג 'ברוך המקום ברוך הוא'! – דאס קומט אונז לערנען, אז אונז פון אונזער זייט זאלן אלעמאל געבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן פאר אלע סארטן קינדער, און מען פריידט זיך מיט יעדן קינד לויט וואס ער איז, און מען האט אים ליב דערפאר וואס ער זעלבסט איז א באליבט און טייער קינד, און נאר דערנאך וועט מען געבן אן ענטפער פאר יעדן קינד לויט זיין פראגע.

אויפן זעלבן שטייגער, וועלן מיר ווייטער ערקלערן דער המשך פון די הגדה: "מתחילה עובדי עבודה זרה היו אבותינו וכו' ואתן ליצחק את יעקב ואת עשיו וכו'". ווייל לכאורה קומט דא ארויף א שטיקל וואונדער, וויאזוי קען דען זיין אז יצחק אבינו ע"ה, וועלכער איז געווען אן עולה תמימה, און גאר דערהויבן מיט זיין געוואלדיגע קדושה, זאל האבן א זון אן עשו הרשע, ומה זה ועל מה זה.

דאס וויל אונז דער בעל ההגדה ערקלערן, ברענגענדיג דעם פסוק "ואתן ליצחק", דאס הייסט אז דער אויבערשטער איז דאך דער וואס האט אים געגעבן דעם עשו, אזוי ווי ער האט געגעבן פאר אברהם די בני הפילגשים, און דאס איז דאך פון די זאכן וואס זענען באהאלטן ביים אויבערשטן, און וואס האבן מיר דען זיך אריינצומישן אין זיינע באהאלטענע זאכן, נאר מיר דארפן טון דאס וואס ער האט אונז באפוילן, און אינעם יו"ט פון אמונה זאלן מיר מקיים זיין די מצוה פון 'והגדת לבנך' בלב שלם און מיט א ריינע אמונה, ביי יעדן קינד לויט וואס ער איז, וה' יהא בעזרינו.





מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173